גוט שבת אלע אידן. משה קיידעל (נישט זיין עכטע נאמען) איז אויפגעוואקסן אלס פרייער איד אין ארץ ישראל. ער האט נישט געקענט די אלף בית פון אידישקייט, ווייל ליידער קיינער האט אים נישט אויסגעלערנט ווי צו זיין א איד.

איין טאג אבער, האט זיך אלעס געטוישט, ווייל ב"ה משה האט געטראפן דעם דרך האמת, און ער איז געווארן א בעל תשובה. ער האט אנגעהויבן צו לערנען אין ישיבה און זיינע רביים האבן זיך געוואונדערט ווי שנעל ער האט געחאפט דעם לערנען.

א יאר נאכדעם וואס משה איז געווארן א בעל תשובה, איז געשען ליידער א מורא'דיגע אומגליק מיט אים, ווען ער איז פלוצלינג געווארן שטארק נישט געזונט, ה' ירחם. מיט יעדען טאג איז ער געווארן מער און מער שוואך. זיינע חברים האט געדאווענט פאר אים ער זאל האבן א רפואה שלימה. אבער, דער באשעפער האט געהאט אנדערע פלענער פאר משה. ווייל דער בעל תשובה בחור משה איז נסתלק געווארן באלד דערנאך. פארשטייט זיך אז זיינע חברים אין ישיבה און זיינע רביים און משפחה זענען געווארן שטארק צובראכן וועגן משה'ס הסתלקות.

די רביים האבן זיך מיישב געווען אז זיי מוזן גיין טרייסטן משה'ס עלטערן אין די שבעה. אבער עס איז געווען איין פראבלעם, משה'ס עלטערן האבן זיך שטארק קעגנגעשטעלט זייער זון'ס ווערן א בעל תשובה. וועגן דעם האבן די רביים מורא געהאט צו צוגיין צו די צובראכענע עלטערן. זיי האבן נישט געוואוסט אויב זיי זאלן גיין צו די עלטערן אדער נישט. ווייל זייער גיין צו די עלטערן וועט זיי אפשר שטערן.

משה'ס רביים האבן זיך מיישב געווען אז זיי דארפן פרעגן א שאלת חכם. זיי זענען געגאנגען פרעגן הרה"צ ר' חיים קאניעווסקי שליט"א דער סטייפעלער גאון זצ"ל'ס זון.

נאכדעם וואס זיי האבן געענדיגט פארציילן פאר רב קאניעווסקי שליט"א, האט דער גדול געזאגט פאר זיי, "זאג פאר די עלטערן אזוי: אין אמת'ן אריין, האט זייער זון געדארפט שטארבען שוין א יאר צוריק. אבער, צוליב דעם וואס ער איז געווארן פרום, האט דער אויבערשטער אים געגעבן נאך איין יאר לעבן כדי ער זאל קענען מקיים זיין תורה און מצוות."

די רביים זענען געווארן ערשטוינט... ווי אזוי קענען זיי זאגן אזא זאך צו די פרייע עלטערן פון דעם בחור? ווי אזוי האט רב קאניעווסקי שליט"א געוואוסט דאס וואס ער זאגט? די רביים האבן מורא געהאט אז די פרייע עלטערן וועלן זיכער מאכן א ליצנות פון דעם גדול'ס ווערטער, און עס וועט אויסקומען א חילול ה', חס ושלום. די רביים האבן נישט געגלייבט אז זיי וועלן קענען טרייסטן די עלטערן מיט רב קאניעווסקי'ס ווערטער. וועגן דעם האבן זיי זיך מיישב געווען אז זי גיין זאגן עפעס אנדערש, אבער זיי וועלן נישט נאכזאגן די ווערטער פון דעם צדיק.

די פגישה מיט די צובראכענע עלטערן איז געגאנגען פונקט אזוי ווי די רביים האבן זיך פארגעשטעלט... "איר פרומע אידן..." האבן די עלטערן געזאגט מיט א געוויין, "וואס האט אונזער זון מרוויח געווען צו ווערן פרום. גאר נישט! ער האט אלעס פארלוירן, ער האט אלעס פארלוירן, אפילו זיין לעבן!" האבן זיי געזאגט וויינענדיק. די פרייע משפחה האט זיך אויפגערעגט אויף משה'ס רביים. די רביים האבן נישט געוואוסט וואס צו טון. אפשר זאלן זיי פארלאזן דעם שטוב? זיי האבן גערעדט צווישן זיי אז עס איז אפשר כדאי יא צו פארציילן פאר די משפחה וואס רב קאניעווסקי שליט"א האט געזאגט. זיי האבן נישט געהאט וואס צו פארלירן.

איינער פון די רביים האט גענומען א טיפן אטעם, און ער האט געזאגט, "מיר האבן גערעדט מיט רב קאניעווסקי שליט"א וועגן אייער זון." דער עולם איז געווארן שטיל. "איר זאגט אז דאס וואס ער איז געווארן פרום, האט אוועקגענומען פון זיין לעבן. רב קאניעווסקי שליט"א האט אונז געזאגט אז עס איז פונקט פארקערט. אין אמת'ן אריין האט אייער זון געדארפט נסתלק ווערן א יאר צוריק. און עס איז נאר וועגן דעם וואס ער איז געווארן א בעל תשובה, אז ער האט זוכה געווען צו לעבן נאך איין יאר."

פלוצלינג, האט די מאמע פון דעם נפטר ארויסגעלאזט א טיפן קרעכטץ. "יעדעס ווארט וואס דער רב זאגט איז אמת!" "איר זענט גערעכט," האט דער טאטע אריינגעווארפן. "מיר האבן אייך באשולדיגט אין דעם טויט פון אונזער זון, אבער איר זענט גערעכט, זיין ווערן פרום האט געראטעוועט זיין לעבן!" די רביים זענען געווארן איבערראשט! וואס איז געשען?

פאר מיר גיין ענדיגען די מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון עניינים אין די מעשה וואס האבן א שייכות צו דער היינטיגער פרשה. אין די היינטיגע פרשה ליינט מען וועגן דעם חלום וואס יעקב אבינו ע"ה האט גע'חלמ'ט אויפ'ן וועג קיין חרן. די הייליגע תורה פארציילט אז יעקב אבינו ע"ה האט געזען א לייטער אין זיין חלום. די ספרים הקדושים זענען מסביר אז דער לייטער איז מרמז אויפ'ן ציל פון א איד, ד"ה צו שטייגען אייביג העכער און העכער אין דעם לעבן כדי צו דערגרייכען צו דעם אויבערשטען אין הימעל. ד"ה, א איד דארף שטענדיג פראבירן צו ווערן מער און מער פרום. מען זעט די בחינה אין די מעשה, וועגן אונזער בעל תשובה משה, וואס האט געטוישט זיין וועג אין לעבן כדי צו שטייגען העכער און צו זיין נענטער צו זיין טאט'ן אין הימעל. איז לאמיר יעצט ענדיגען די מורא'דיגע מעשה, וואס ווייזט ווי איין איד האט געשטיגן אויף די רוחניות'דיגע שטיגען פון לעבן.

...נאכדעם וואס די מאמע האט זיך בארוהיגט, האט זי פארציילט אזוי. אביסל מער ווי א יאר פריער, האט זייער זון געטראכט וועגן היטן שבת, (דעמאלט איז ער נאך נישט געווען קיין עכטער בעל תשובה.) פונקט איין יאר פריער, איין שבת אינדערפרי, איז געקומען צו זייער הויז א גרופע פון פרייע בחורים. זיי האבן געפרעגט משה אויב ער וויל פארן מיט זיי אויף א שפאציר. משה האט נישט געוואלט משתתף זיין וועגן שבת, אפילו ער איז נישט געווען קיין שומר שבת אינגאנצען. די חברים האבן געלאכט פון אים, און זיי זענען אוועקגעפארן. שפעטער אין די טאג אין שבת, האבן זיי געהאט א שרעקליכע עקסידענט, און זיין זענען אלע נפטר געווארן, ל"ע! דורך דעם וואס משה איז געווארן פרום, האט ער זוכה געווען צו לעבן נאך איין יאר. אין יענע יאר האט ער ב"ה מצליח געווען צו לערנען אסאך תורה און צו ווערן אן עכטער בעל תשובה. די עלטערן זענען געטרייסט געווארן דורך דעם, און זיי אליינס זענען אפילו נענטער געקומען צו אידישקייט.

לאמיר געדענקען די מעשה און דורך דעם וועלן מיר אויסניצן יעדען טאג צו שטייגען די רוחניות'דיגע שטיגען אין לעבן. **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת נשואי נכדו חיים מאיר נ"י, בן בנו הרה"צ רבי אהרון מנחם מענדל שליט"א**

מזל טוב למוה"ר שמואל זאנוויל סיגלער הי"ו לרגל שמחת לידת בתו

נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא בתוך שאר חולי ישראל • לעילוי נשמת האשה החשובה ברכה בת ר' דוד ע"ה כ' שבט תשס"ג

שתיקה יפה בשעת התפילה "כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן." (שבת קיט:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי' וואלפבערג (845) 362-3234